פרשת שלח (קרח בא"י) ||| שנת תשפ"ג לפ"ק ||| גליון ז' ||| שנה א'

# הבינוני

שיעורי
הרב שמעון שפיצער
שליט"א

"להבין ולהשכיל לשמוע ללמוד וללמד לשמור ולעשות ולקיים"
הבינוני
שיעורי הרב שמעון שפיציער שליט"א

פטרון סדר במדבר
הרוצה בעילום שמו
לזכותו ולזכות משפחתו
לברכה והצלחה ברוחניות ובגשמיות

## בך בטחתי

### הבוטח בה' חסד יסובבנו;
בטחון איז אַ טויש אין דעם גאַנצן מהלך המחשבה

יום ראשון בהר, כ"א אייר תשע"ט לפ"ק

א

## אינו דומה כתב הנכתב על נייר ישן; "איך האָב געהאַט בטחון און איך האָב נאָכנישט געזען די ישועה"

### מיר האָבן אַלטע אומריכטיגע הנחות איבער 'בטחון'

איידער מען הייבט אָן צו לערנען אינעווייניג 'חובת הלבבות - שער הבטחון', איז כדאי צו מאַכן נאָך אן הקדמה איבער דעם מהות פון בטחון.

ווען מען פּרובירט צו אַריינגיין אין דעם וועלט פון בטחון איז וויכטיג צו קלאָרמאַכן די יסודות, ווייל ס'איז צום באַדויערן אַריינגעקומען אין דעם ענין אַזויפיל טעותים, וואָס מענטשן דרייען זיך אַרום דערמיט און ס'איז גורם אַז זיי זאָלן קוקן אויף די סוגיא פון בטחון, מיט אַ נישט ריכטיגע בליק.

דאָס איז למעשה איינס פון די שטאַרקע סיבות פאַרוואָס ס'איז אַמאָל שווער צו האָבן די ריכטיגע בטחון, ווייל מיר זענען שוין אַזוי איינגעגעסן מיט פאַרשידענע פאַרדרייטע שיטות און מחשבות וועגן בטחון, וואָס מען האָט געהערט אַביסל פון דאָ און אַביסל דאָרט, און דאָס בויעט אויף אַ גאַנצער בנין וואָס מאַכט אונז אַסאַך שווערער, צו אמת'דיג קונה זיין די ריכטיגע בטחון, ווייל מען איז אַזוי פאַרדרייט מיט די אַלטע הנחות.

אויב וואָלטן מיר בכלל נישט געהאַט קיין שום ידיעות וועגן בטחון, מען וואָלט נישט געהערט קיין האַלבע זאַכן אין די סוגיא, וואָלט געווען אַסאַך גרינגער זיך צו אַראָפּזעצן און דורכלערנען די סוגיא מיט ישוב הדעת, אָבער יעצט ווען מען איז שוין אָנגעפּולט מיט צעמישטע ידיעות, איז נישט אַזוי לייכט צו אָנהויבן פונדאָסניי צו צאַמנעמען די נושא און דאָס קונה זיין מיט אַ קלאָרקייט.

### מען האָט נישט געלערנט 'בטחון' מיט אַ קלאָרקייט

אויסערדעם איז דאָ אַזאַ באַגריף ביי אַסאַך מענטשן, וואָס האָבן שוין יאָ אָנגעהויבן עוסק זיין די סוגיא פון בטחון, אָבער ס'איז נישט געווען אויף אַ מסודר'דיגן אופן.

אין אָנהויב, ווען דער מענטש האָט געלערנט דאָס ערשטע מאָל, אַז ווער עס האָט בטחון וועט אים גאָרנישט פעלן, איז ער דערפון זייער נתרגש געוואָרן, אָבער ס'גייט אַריבער אַביסל צייט, און יעצט ווען ער לערנט אַז דער בוטח בה' באַקומט אַלעס גוט, נעמט ער עס שוין נישט מיט אַזאַ התרגשות, ווייל ער האָט אַזאַ מחשבה פון צעבראָכנקייט, אַז ס'איז נישט ממש אַזוי. ס'האָט זיך אים שוין אַמאָל געדאַכט אַז ער האָט בטחון און למעשה איז ער נישט געהאָלפן געוואָרן. ער איז אַביסל פאַרוויטאָגט... ער ווייסט נישט אַז זיין בטחון האָט אים נישט געהאָלפן ווייל ער האָט נישט עוסק געווען אין דער סוגיא ריכטיג.

### ער גלייבט שוין נישט די אַלע טעראַפּיסטן...

מ'קען דאָס אַביסל מדמה זיין צו אַ איד וואָס זיינס אַ קינד דארף האָבן אַביסל הילף. אַצינד דאַרף מען גיין צו אַ מומחה, אָבער דאָס קאָסט אַסאַך געלט און אויך איז דאָס פאַרבינדן מיט 'בושה'. ס'איז זייער שווער צו איבערצייגן אַ מענטש אַז זיין באַליבט קינד האָט אַ פּראָבלעם און ער דאַרף הילף.

למעשה האָט דער איד זיך געבראָכן. ער האָט געצאָלט דאָס געלט און געשיקט דאָס קינד צו דעם מומחה, אָבער ס'איז גאָרנישט בעסער געוואָרן. אַמאָל איז עס נאָך ערגער געוואָרן.

וואָס וועט יעצט פּאַסירן ווען איינער וועט קומען צו דעם טאַטן און אים זאָגן אַז: "איך ווייס פון אַ מומחה וואָס קען שטעלן דיין בחור אויפ'ן פּלאַץ"?!

נאַטירליך וועט די רעאַקציע פון דעם פאָטער זיין: "אוי, הייבט נישט נאָכאַמאָל אָן מיט די זאַכן... כ'בין שוין דאָרט געווען... כ'האָב דאָס שוין פּרובירט... די אַלע חברה זענען סתם גנבים וואָס רייסן געלט און העלפן גאָרנישט..."

דאָס קומט נעבעך פון אַ טיפע יאוש. ער גלייבט שוין נישט ווייל ער האָט אליינס פּרובירט און ס'איז נישט געגאַנגען.

פאַרדעם דאַרף מען מאַכן די שטיקל הקדמה איידער מען הייבט אן לערנען בטחון, ווייל מען קען נישט בויען בטחון אויף אַלטע יסודות וואָס מיר האָבן אין קאָפּ.

### לאָמיר האָבן אַ גרינטליכקייט אין בטחון

'לב יודע מרת נפשו' - די פאַקט אונז אַז **רוב פון אונז האָבן נישט געלערנט די נושא פון בטחון געהעריג על הסדר**, מען האָט נישט געהאָרעוועט און מלבן געווען די סוגיא. העכסטנס האָט מען געהערט אַ וואָרט דאָ און אַ וואָרט דאָרט, און מען האָט אָנגעהויבן אַמאָל לערנען 'שער הבטחון' פון 'חובת הלבבות' און געבליבן שטעקן אינמיטן...

אַמאָל קען זיין אַ מציאות אַז דאָס לערנען אַביסל איז נאָך אַרגער ווי בכלל נישט לערנען. ס'איז אפשר זייער שאַרף אַרויסגעזאָגט, אָבער ווען מען וואָלט גאָרנישט געלערנט, און מען הייבט יעצט אן אַ נייע זאַך וואָלט מען דאָס אָנגענומען מיט'ן גאַנצן געשמאַק און התפּעלות.

ווידעראום ווען מען האָט שוין יאָ געלערנט

אַביסל, און מען האָט נישט געהעריג מקיף געווען די נושא, נאר ׳למחצה לשליש ולרביע׳, איז דאָס אַ גרויסע פּראָבלעם. ווייל זייט דעמאָלט, **אַלעס וואָס מען זעט אין אַ ספר אָדער מ׳הערט פון צדיקים, טראַכט מען גלייך אַז ס׳איז נישט פּונקט אַזוי... ס׳איז נישט אַלעמאָל אַזוי...** דעריבער דאַרף מען צוערשט רעדן פון די טעותים וואס האָט זיך איינגעגעסן ביי מענטשן און נאָכדעם קען מען צוגיין צום לימוד פון בטחון.

### איבערשרייבן אונזער הבנה אין ׳בטחון׳ אויף אַ נייע פּאַפּיר

די ערשטע זאַך ווען מען בויעט אַ נייע בנין איז אַז מען צעוואַרפט די אַלטע! אַז מיר האָפן - מיט תפלה און בטחון - צו בויען אַ נייע בנין פון בטחון, דאַרף מען קודם ברענגען דעם טראַקטאָר צו אויסרייסן אַביסל דערנער וואָס איז געוואַקסן אין דעם ענין פון בטחון, און אויסמעקן אַלטע טעותים.

אַזוי זאָגן דאך חז״ל (משנה אבות ד׳ כ׳): **״אינו דומה כתב הנכתב על נייר חדש לנכתב על נייר חדש״**. ס׳איז דאָ אַ גרויסער חילוק צווישן אַ זאַך וואָס מען לערנט אויף אַן אַלטער פּאַפּיר וואָס גייט נישט אַריין ריכטיג און עס טוישט נישט דעם מענטש און אַ זאַך וואָס מען שרייבט אויף אַ נייע פּאַפּיר וואָס גייט אַריין פריש. וזה החלי בס״ד.

### בטחון נעמט דעם מענטש צו אַ נייע וועלט וואו ס׳איז דאָ אַנדערע חוקי הטבע

ווען מען הייבט אן לערנען אין די ספרים וואָס רעדן פון בטחון; ווען מען זעט די פּסוקים וואָס דער ׳חובת הלבבות׳ ברענגט; און מען הערט די ווערטער פון צדיקים און חסידי״שע ספרים, זעט מען קלאָר אַז זיי זענען מבטיח פאר דעם בוטח בה׳, אַז ער וועט האָבן אַלעס וואָס ער דאַרף! עס וועט אים גאָרנישט פעלן, נישט ברוחניות און נישט בגשמיות!

און ווי ס׳איז שוין אויסגעשמועסט געוואָרן אין דעם פאָריגן שיעור, אַרבעט דאָס אפילו בדרך הטבע, ווייל איינער וואָס לייגט זיך אַריין אין דער וועלט פון בטחון, גייט דורכדעם אַריין ״תחת כנפי השכינה״. ער קומט אָן אין אַ נייע פּלאַץ, ווי דער פּסוק זאָגט ״יושב בסתר עליון״. **ער האָט שוין יעצט אַנדערע געזעצן און די טבע איז נישט שולט אויף אים.** ער קען באַקומען נייע ישועות, וואָס הייסט אפילו נישט קיין נס! ווייל אפילו בדרך הטבע געפינט ער זיך אויף אַן אַנדערע פּלאַץ.

> **ביי די אַלטע טויזנטער מצבים וואָס קומט אונטער אין לעבן האָט דער בעל בטחון איבערגעדרייט זיין גאַנצער מח! ער רעאַגירט און ער טראַכט אייביג ווי אַ ׳בעל בטחון׳.**

### די ערשטע שוועריגקייט; כ׳האָב נישט געזען קיין ישועה דורך בטחון

דאָס איז טאַקע זייער געשמאַק צו הערן, ווילאנג מען זיצט ביי אַ שיעור, אָבער שפּעטער ווען דער מענטש טרעפט זיך מיט זיינע שוועריגקייטן און פּראָבלעמען, איז דאָס צומאָל גאָרנישט אַזוי לייכט.

ער וויל אַריינלייגן די אַלטע בטחון געדאַנקן אויף ״למעשה״, ער דערמאַנט זיך אַ וואָרט פון חיזוק אין אמונה און ער פּרובירט זיך מחזק זיין, אָבער נאָכדעם קען מען אָנקומען צו אַ גרויסע צעבראָכנקייט וואָס רופט זיך: ״איך האָב געהאַט בטחון און איך בין נישט געהאָלפן געוואָרן״.

דאָס איז אַ טיפע ווייטאָגליכע הרגשה בנפש, ווייל דער מענטש זאָגט: ״איך האָב זיך נישט מתעלם געווען פון דעם רבוש״ע. כ׳האָב פּרובירט זיך צו שטאַרקן מיט בטחון און דאָ האָב איך באַקומען אַ פּאַטש אויפ׳ן צווייטן באַק.״

אַמאָל קען מען האָבן אַ געפיל אַז אויב ס׳איז נישט געווען גענוג די עצם פּראָבלעם וואָס איך גיי דורך, איז נאָך יעצט צוגעקומען די צער, אַז מען האָט מיך אַריינגעברענגט אַן אומזינסטע האָפענונג אַז די צרה גייט אַוועקגיין. מען האָט מיך צוגעזאָגט אַז אויב איך וועל האָבן בטחון וועט זיין גוט, און כ׳האָב זיך טאַקע מחזק געווען מיט אמונה, אָבער דערווייל האָט מען מיך סתם געמאַכט האָפן און ס׳איז גאָרנישט געוואָרן דערפון.

דאָס איז גורם אַז שפּעטער האָט ער שוין מורא צו האָבן אמת׳ע בטחון, ווייל אויב איך וועל יעצט גלייבן ביז׳ן סוף אַז דער באַשעפער גייט מיך העלפן, וועל איך זיין דער נאַר פון שטאָט... איך האָב דאך עס שוין אַמאָל געטון און איך בין נישט געהאָלפן געוואָרן.

דער מענטש טראַכט עס ווענגן זיך אליינס און ער טראַכט עס אויך לגבי אַנדערע: ״קוק אויף יענעם בעל בטחון, ער האָט געהאַט בטחון און ער איז נישט געהאָלפן געוואָרן״.

בלית ברירה טרעפט מען שוין ווערטער פון ספרים - און עס שטייט טאַקע אַזעלכע ווערטער - אַז דער רבוש״ע מוז נישט טון פּונקט וואָס דו ווילסט און אַסאַך מאָל איז פאר דיין טובה בעסער אַנדערש, א.א.וו. אָבער למעשה ווייסט דער מענטש נישט וואָס ער זאָל יעצט טראַכטן, דאַרף איך זיך בוטח זיין אַז כ׳וועל געהאָלפן ווערן? מען איז אַביסל צעבראָכן און אַביסל אומקלאָר, און דער שורש דערפון איז וויבאַלד מען האָט געהערט אַז בטחון אַרבעט, מען האָט עס פּרובירט און מען האָט נישט געזען קיין רעזולטאַטן, דאָס נעמט אַוועק די גאַנצע ברען פון בטחון און עס מאַכט זייער צעמישט.

### די צווייטע שוועריגקייט; יעדער וואָס האָט בטחון צו געווינען מיליאָן דאָלער וועט דאָס געווינען?

די צווייטע שוועריגקייט איז אַ מחשבה וואָס זאָגט אונז אַזוי: ס׳איז נישט מסתבר אַז אַ מענטש וואָס האָט בטחון אַז ער גייט באַקומען אַ מיליאָן דאָלער, וועט טאַקע באַקומען אַ מיליאָן דאָלער! **וויאַזוי קען עס זיין אַז אויב האָט מען בטחון באַקומט מען אַלעס וואָס מען דאַרף?!**

אויב מען וועט אונז זאָגן אַז ס׳איז פארהאן אַ גאָר גרויסער צדיק, וואָס האָט זיך אויסגעהאָרעוועט מיט קדושה וטהרה, און ביי אים איז דאָ אַזאַ זאַך פון ״צדיק גוזר והקב״ה מקיים״, וועלן מיר דאָס פאַרשטיין. אַזאַ מושג קען ווערן אָנגענומען ביי אונז אין הארץ, ווייל מיר קענען באַגרייפן אַז אַ איד וואָס האָט זיך אַזוי אויסגעאַרבעט, מיט אַזאַ יגיעה, איז דאָ ביי אים אַ מציאות פון ״רצון יראיו יעשה״. דאָס שטימט אין אונזער קאָפּ.

אָבער צו זאָגן אַז בלויז ״ווייל איך האָב געהאַט בטחון באַקום איך אַלעס וואָס כ׳וויל״, דאָס שטימט נישט מיט די כללים פון אונזער מח. וויאַזוי קען זיין אַז פאַר אַזאַ קליינע זאַך באַקומט מען אַזאַ געוואַלדיגע תוצאה? ס׳איז אונז שווער דאָס צו אַריינגעמען אין קאָפּ.

ב

## כי בי חשק ואפלטהו; דער ׳בעל בטחון׳ איז כביכול אן ׳אוהבו של מקום׳

### אַ ׳בעל בטחון׳ האָט געענצליך אן אַנדערע מהלך המחשבה

די שורש פון די צווייטע שוועריגקייט איז געבויעט אויף דער ׳הנחה׳ וואָס עס דוכט זיך אַז בטחון איז גאַנץ גרינג, און ס׳איז דאָך נישט מסתבר אַז פאַר אַזאַ גרינגע זאַך קען מען אַלעס באַקומען... אָבער באמת דאַרף מען פאַרשטיין אַז כדי צו זיין אַ ריכטיגער ׳בעל בטחון׳ דאַרף מען טוישן דעם גאַנצן מהלך המחשבה! מען דאַרף אָנהויבן לעבן אַנדערש אין אַלע אַספּעקטן פון לעבן!

אַ מענטש וואָס האָט בטחון טראַכט אַנדערש ווען אַ חבר באַ׳עולה׳ט אים; אַ מענטש וואָס האָט בטחון אַרבעט זיין מח אַנדערש ווען ער האָט אַ פּראָבלעם מיט אַ קינד; **ער האָט געענצליך אַן אַנדערע בליק אויפ׳ן לעבן! זיין גאַנצע וועג פון טראַכטן איז גאָר אַנדערש ווי אַ געוועגליכער מענטש!** אַנשטאָט ווערן אין כעס, אָדער גלייך זוכן וועלכע מומחה וועט העלפן פאַר זיין קינד, האָט ער אַן אַנדערע סאָרט מהלך המחשבה.

### מערסטנס פון אונזערע מחשבות גייט אַוועק צו לעזן פּראָבלעמען

די מומחים זאָגן אַז יעדער מענטש האָט יעדן טאָג אַרום 65 טויזנט מחשבות וואָס לויפן אים אַריבער אין קאָפּ און ס׳איז קלאָר אַז ניינציג

פראָצענט פון די מחשבות זענען פארנומען וויאַזוי צו טרעפן לעזונגען פאר פראָבלעמען.

רוב פון אונזערע צענדליגער טויזנטער מחשבות גייען אַוועק וויאַזוי זיך אַן עצה צו געבן און וויאַזוי זיך צו מסדר זיין אין אַלע סאָרט סיטואַציעס, אָבער **ביי אַ 'בעל בטחון' זענען די אַלע מחשבות אַנדערש! ער זוכט נישט קיין לעזונגען אַגאַנצן טאָג! ער לעבט פשוט אינגאַנצן אן אַנדערע לעבן!** ס'איז בכלל נישט דומה אפילו צו סתם אַ מענטש, ס'איז נישט די זעלבע סאָרט לעבן.

ביי די אַלע טויזנטער מצבים וואָס קומט אונטער אין לעבן האָט דער בעל בטחון איבערגעדרייט זיין גאַנצער מח! ער רעאַגירט און ער טראַכט אייביג ווי אַ 'בעל בטחון'.

### אַז מען לעבט אַנדערש, האָט מען אַ ספּעציעלע השגחה ממעל

ווען מען פאַרשטייט דאָס גוט, דעמאָלט איז שוין נישט אַזוי שווער צו כאַפּן אַז אַ 'בעל בטחון' האָט אַנדערע כללים. פונקט ווי מיר פאַרשטייען אַז אַ צדיק וואָס האָרעוועט אויף תורה און עבודה לעבט מיט אַנדערע כללים און מען פירט זיך אין הימל מיט אים אַנדערש ווי אַ פשוט'ער מענטש. **דאָס זעלבע איז מיט'ן 'בעל בטחון' וואָס איז אויך אַן אַנדערער סאָרט מענטש** און ער באַקומט פון הימל אַ ספּעציעלע השגחה!

### דער גביר איז זיין נאָנטער ידיד פון ישיבה...

משל למה הדבר דומה: ס'איז דאָ אַ באַקאַנטער נגיד וואָס טיילט צדקה פאר אידן. אַמאָל איז אַ איד אַרויסגעקומען פון דעם נגיד'ס הויז, גייט איינער צו און פרעגט: "וויפיל האָסטו באַקומען פון אים?" - "ב"ה, ער האָט מיך שיין געהאָלפן". אָבער יענער וויל וויסן אַ סכום, זאָגט אים דער איד: "ווערסט האָבן חלישות הדעת אַז דו וועסט הערן אַ נומער". יענער לאָזט אָבער נישט נאָך. - "נו, אַז דו ווילסט באמת וויסן, ער האָט מיך געגעבן דרייסיג טויזנט דאָלער"...

און אַלע וואונדערן זיך, אַזאַ ציפער האָט דאָך נישט קיין שום פשט. מען קען דאָך דעם נגיד נישט פון היינט... ער טיילט געוועהנליך הונדערט דאָלער. אַמאָל מיט פראָטעקציע קען מען באַקומען 500 דאָלער, דאָס הייסט שוין זייער אַ שיינע נדבה. מאַקסימום קען מען הערן אַז ער האָט זייער רחמנות געהאַט און אַרויסגענומען טויזנט דאָלער. אָבער אַזאַ געלט, דרייסיג טויזנט דאָלער?! וואָס איז דער פשט דערפון?!

זאָגט דער איד: "ענק האָבן נישט פאַרשטאַנען די מעשה דאָ... **איך בין זיין נאָנטער ידיד וואָס אונזערע פריינטשאַפט גייט שוין צוריק מיט 25 יאָר! יעצט ווען איך מאַך חתונה, מאַכט ער חתונה 'צוזאַמען מיט מיר'**... דאָס געלט האָט ער נישט אַרויסגענומען פון זיין צדקה אַקאַונט, דאָס איז אַ חלק פון זיינע אייגענע הוצאות!"

און דער איד איז זיך בעסער מסביר: "דו ווייסט אַז ער קומט מיט אַ שטריימל צו די חתונה? דו ווייסט אַז ער זיצט דאָרט פון 'קבלת פנים' ביז נאָך די 'מצוה טאַנץ'? דו ווייסט ער גייט מיטהאַלטן דעם גאַנצן שבת שבע ברכות? **דאָס געלט וואָס ער האָט מיך געגעבן אַרבעט נישט מיט די געוועהנליכע כללים**. עס אַרבעט אויף גאַנץ אן אַנדערע פאַרנעם. ס'האָט נישט קיין שייכות מיט די נאָרמאַלע מהלך פון זיינע צדקות. ס'איז גאָר אן אַנדערע זאַך".

### דער 'בעל בטחון' האָט אַ ספּעציעלע נאָנטקייט מיט'ן טוב ומטיב לכל

אָט דאָס גענוי פּאַסירט מיט דעם בוטח בהשם! אַ איד וואָס האָט אמת'דיגע בטחון ווערט אָנגערופן כביכול אַז ער איז אַן "אוהבו של מקום". **ער איז נאָנט מיט'ן רבוש"ע מיט אַ ספּעציעלן קשר אהבה. אַזאַ מענטש האָט אַנדערע כללים!** איז דאָך זייער גרינג צו פאַרשטיין אַז די געוועהנליכע כללים פון דער טבע זענען נישט מתייחס צו אים. ער האָט אַנדערע כללים! ער האָט אַנדערע חוקים, וואָס זענען נוגע בלויז פאר די אמת'ע נאָנטע פריינד!

אַמאָל זעט מען ווען איינער גייט נאָך געלט, פרובירט ער שטאַרק צו שמייכלען צום גביר, ער וועט אַרבעטן שווער צו איבערצייגן דעם נגיד אַז "איך בין דיין בעסטער חבר", און ער האָפט אַז אַזוי וועט ער באַקומען מער. אָבער למעשה איז דאָך עס נישט אמת... ער איז נישט זיין נאָנטסטער חבר... ער איז אפשר געוואָרן באַפריינדעט מיט אים אַביסל, אָבער **דאָס קומט נישט צו צו אַ ידידות וואָס ווערט געבויעט דורכאויס לאַנגע יאָרן**, וואָס די 'איכות' פון אַזאַ פריינטשאַפט איז גאָר אן אַנדערע סאָרט זאַך.

ווען אַ מענטש איז יאָ זוכה צו בויען אַן אמת'ן קשר פון בטחון מיט'ן רבוש"ע **איז דעריבער בכלל נישט אַזוי שווער צו פאַרשטיין אַז אַ 'בעל בטחון' איז באמת אן אַנדערע זאַך**, און ער קען טאַקע באַקומען ישועות און ברכות וואָס אַ צווייטער קען נישט באַקומען!

ג

## ותן שכר טוב לכל הבוטחים בשמך באמת; דער חילוק צווישן האָבן אַ מחשבה פון 'בטחון' און זיין אַ 'בעל בטחון'

### האסט געהאַט בטחון אָדער ביזט געווען אַ 'בעל בטחון'?

לאָמיר אַצינד צוריקגיין צו דעם ערשטן שוועריגקייט וואָס מ'האָט פריער דערמאָנט: אויב איך האָב געהאַט בטחון פאַרוואָס בין איך נישט געהאָלפן געוואָרן אויפן פלאַץ.

די תשובה וואָס מען וועט ענטפערן פאר איינעם וואָס טראַכט אַזוי איז: **"ביזט באמת געווען אַ 'בעל בטחון', אָדער האסטו בסך הכל געהאַט אַ מחשבה פון בטחון?!"**

ס'איז דאָ אַ געוואַלדיגע חילוק צווישן 'האָבן מחשבות פון בטחון', און צווישן 'זיין אַ בעל בטחון'! ווען אַ איד האָט געהאַט גוטע מחשבות פון בטחון האָט ער טאַקע משקיע געווען אין זיין נאָנטקייט צום רבוש"ע, ער איז זייער שטאַרק געשטיגן, אָבער ער איז נאָכנישט געווען דער 'בעל בטחון' פון וואָס די פסוקים רעדן.

### יעדע מחשבה פון בטחון ברענגט נענטער צום ציל פון דביקות בה'

אודאי איז מען נישט געקומען צוברעכן און זאָגן אַז אַ מחשבה איז נישט גענוג. די נקודה פון די ווערטער איז נישט אַז: "דו האסט סיווי נישט קיין בטחון, עס געדויערט דרייסיג יאָר צו ווערן אַ בעל בטחון, לאָז דיך אָפּ"... חס ושלום! דער אמת איז אַז מיט יעדע אַזאַ מחשבה פון בטחון, סיי ווען מען טרעפט זיך אין אַ פּראָבלעם און מען שטאַרקט זיך מיט אמונה, בויעט זיך דעמאָלט אַ קשר מיט'ן רבוש"ע, און דאָס וויל דער אויבערשטער, ער וויל בויען אַ קשר מיט'ן איד!

מיר דאַרפן אָבער דערהערן דעם געדאַנק אַז 'בטחון' איז טייטש 'ווערן נאָנט מיט'ן אויבערשטן'. בטחון איז דביקות. ווי מען האָט שוין דערמאַנט פונעם **'משך חכמה'** אַז דער מקור פון בטחון איז פון דעם פסוק 'ובו תדבק'. **יעדעס מאָל וואָס דו טראַכסט אַ מחשבה פון בטחון ווערסטו נענטער צום באַשעפער!**

ס'איז נישט פשט אַז דרייסיג יאָר דאַרף מען אַרבעטן און נאָכדעם ווערט מען אַ 'בעל בטחון'. אדרבה, **דאָס איז אַ טיפער פנימיות'דיגער קשר וואָס בויעט זיך צוביסלעך!** יעדע מחשבה פון בטחון מאַכט אונז מער דבוק צום באַשעפער, און דאָס איז אַ קשר וואָס ענדיגט זיך קיינמאָל נישט, ווייל פונקט ווי דער רבוש"ע איז "אין סוף" איז נישטאָ קיין סוף צו די מדריגות פון קרבת אלקים וואָס אַ איד קען האָבן.

### מיט אונזער בטחון בויען מיר אַ קשר פון נאָנטקייט

ווען אַ איד האָט אָנגעהויבן אַרבעטן אויף בטחון, איז ער אַ וואָך שפּעטער אַ נייער מענטש! ער איז יעצט אויף אַ נייע פלאַץ! אָבער **אודאי איז דאָס נישט דומה צו די מדריגה וואָס ער וועט זיין אַ יאָר שפּעטער**. דאָס איז אַ קשר וואָס ענדיגט זיך קיינמאָל נישט און עס גייט אייביג טיפער און העכער. **אַזוי בויעט זיך אַ 'נאָנטקייט' כביכול ביז מען ווערט אַ 'בעל בטחון' וואָס באַקומט די הנהגה פון אַ 'בן בית', כלפי מעלה.**

ער איז נאָנט מיט'ן רבוש"ע מיט אַ ספּעציעלן קשר אהבה. אַזאַ מענטש האָט אַנדערע כללים!

אַזוי האָט געזאָגט הרה"ק רבי **משה קאָברינער** זיע"א, אַז ווען אַ מענטש זעט אַז ער האָט געהאַט בטחון און ער איז נישט געהאָלפן געוואָרן זאָל ער פאַרשטיין אַז השי"ת וויל פון אים אַז ער בויען דעם קשר נענטער. דו האסט טאַקע אָנגעהויבן מיט די ערשטע מדריגות, אָבער דער רבוש"ע וויל זאָלסט גיין ווייטער, זאָלסט ווערן נאָך נענטער מיט אים כביכול.

**אויב אַזוי איז קיינמאָל נישטאָ אַזאַ באַגריף ווי "איך האָב געהאַט בטחון און איך בין נישט געהאָלפן געוואָרן"**, ווייל פון די עצם זאַך אַז דו ביזט נישט געהאָלפן געוואָרן קענען מיר לערנען אַז דיין קשר מיט'ן רבוש"ע קען נאָך גיין ווייטער און טיפער. ב"ה ס'איז געווען זייער גוט ביז יעצט, אָבער מ'דאַרף גיין ווייטער.

## בין איך טאַקע געווען אַ פולקאָמער 'בעל בטחון' מיט'ן גאַנצן האַרץ און מח?

אַ גוטערביישפיל וויאַזוי אַ מענטש קען זיין אויפריכטיג און זיך באמת בוחן זיין צו כאַפּן דעם ענין. זאָל ער נעמען דעם טאָג וואָס ער האַלט אַז דעמאָלט איז ער געווען אַ 'בעל בטחון' - וואָס לכבוד דעם שפּירט ער אַז ס'איז זיך אים געקומען אַ ישועה - און יעצט זאָל ער צוריק טראַכטן: **"בין איך געוואָרן נערוועז פון סיי וועלכע זאַך במשך יענעם טאָג?"**

אויב האָט ער זיך אַפילו איינמאָל געבייזערט אין דעם טאָג: "פאַרוואָס איז יענער אַזאַ שלימזל, כ'האָב אים שוין צען מאָל געבעטן"... דעמאָלט איז דאך זיין אמונה נישט געווען קלאָר אין יענעם מאָמענט.

אַז מען וועט זיך גוט קוקן אין שפּיגל וועט מען זען אַז אין יענעם איינציגן טאָג האָסטו געהאַט טויזנטער מחשבות וואָס זענען נישט געווען פון בטחון... ריכטיג, ווען דו האסט זיך דערמאַנט פון דעם צרה וואָס דרוקט דיך האסט יאָ געהאַט בטחון. געוואַלדיג! אָבער קום נישט מיט קיין קשיות אַז ס'איז נישט אמת דער יסוד, אַז אויב מען איז אַ בעל בטחון ווערט מען געהאָלפן, ווייל דער יסוד איז יאָ אמת! און אויך פּשוט'ע מענטשן קענען אָנקומען דערצו! מען דאַרף פּשוט כסדר לעבן מיט בטחון, און צוביסלעך ווערט געטוישט די מחשבה פון דעם מענטש.

## דורך מחשבות פון בטחון ווערט מען צוביסלעך פאַרוואַנדלט אין אַ 'בוטח'

אַזוי איז דער כלל ביי אַלע זאַכן, מענטשן וואָס לערנען אַ געוויסע לימוד נאָכאַנאַנד ווערט זייער מחשבה געטוישט.

דאָס קען מען זען אפילו ביי מענטשן וואָס לערנען זיך כללים אין ביזנעס, מיט דער צייט ווערט זייער מהלך המחשבה אַנדערש. זיי ווייסן שוין נאַטירליך וויאַזוי זיך צו אויפפירן מיט אַרבעטער און קליענטן. דאָס זעלבע מיט מענטשן וואָס לערנען זיך אין חינוך. אַמאָל פלעגט ער שרייען אָדער קלאַפּן אויפ'ן טיש ווען אַ קינד האָט געטון עפּעס נישט ריכטיג, היינט האָט ער שוין אפילו נישט קיין נסיון דערצו, ווייל ער האָט געכאַפּט די ריכטיגע מהלך, ער פּראַקטיצירט שוין חינוך במשך דריי יאָר. זיין מחשבה האָט זיך געטוישט.

דאָס זעלבע פּאַסירט ביי בטחון. **יעדע מחשבה טוישט צוביסלעך אונזער געדאַנקנגאַנג אַז מיר זאָלן ווערן בעלי בטחון, ביז מען וועט זוכה זיין דערצו בשלימות.** אָבער מען קען נישט טענה'ן "איך האָב געהאַט בטחון" בשעת מען האַלט נאָך ווייט פון זיין אַן אמת'ער בעל בטחון.

> **אַז מען וועט זיך גוט קוקן אין שפּיגל וועט מען זען אַז אין יענעם איינציגן טאָג האָסטו געהאַט טויזנטער מחשבות וואָס זענען נישט געווען פון בטחון...**

## בטחון איז נישט קיין געצווינגענע אויפגאַבע וואָס מען דאַרף טון

ביי קינדער מאַכט זיך אַמאָל אַז איינער האָט געגעבן אַ פּאַטש פאַר'ן צווייטן. זאָגט דער טאַטע פאַר'ן קינד: "קום אַהער, בעט אים איבער... איך וויל זאָלסט צוגיין צו דעם אַנדערן קינד און זאָלסט אים פרעגן אויב ער איז דיך מוחל"...

דאָס קינד גייט צו, עס פּאַסט אים דאָך נישט, אָבער ער האָט נישט קיין צוויי ברירות: "ביזט מיר מוחל?"... וואָס דער צווייטער ענטפערט איז שוין נישט צופיל משנה... ווייל יעדער פאַרשטייט אַז אַזאַ סאָרט 'בקשת מחילה' איז אַ געצוואונגענע זאַך וואָס האָט נישט צופיל ווערד.

אַמאָל איז אונזער בטחון אויף אַזאַ סאָרט אופן: "רבוש"ע, איך דאַרף האָבן בטחון? איך האָב בטחון! נו, יעצט אַז איך האָב געהאַט בטחון, פאַרוואָס בין איך נישט געהאָלפן געוואָרן?..."

דער אמת איז דאך אָבער אַז **בטחון איז אַ 'געפיל זאַך'. ס'איז אַ מהלך המחשבה וואָס מיר דאַרפן זיך טוישן**, מיט'ן מח און מיט'ן האַרץ, און מען קען דערצו זוכה זיין בעז"ה.

## ווען מען איז שוין אַריין אין דעם לימוד פון בטחון האָט מען נאָכנישט דערגרייכט דעם שלימות

מען זעט אַמאָל אַ קינד וואָס האַלט זיך אינמיטן לערנען שפּילן אַביסל אויף אַ פּיאַנאָ, ער קען שוין אָפּשפּילן דעם ניגון פון 'ותן בנו', און יעצט וויל ער שוין שפּילן ביי אַ שמחה... מען האָפט אַז קיינער וועט נישט לאַכן פון אים.

קען מען זאָגן אַז דאָס קינד האָט זיך גאָרנישט אויסגעלערנט? ניין, ער האָט זיך אודאי יאָ געלערנט שפּילן! מען קען נישט מזלזל זיין דערינען! אָבער צו דער זעלבער צייט האַלט ער נאָך אין אָנהויב. ער איז יעצט אַריין אין דעם טאַלאַנט, ער פאַרשטייט עס שוין אַביסל, און יעצט דאַרף ער גיין ווייטער און העכער.

**אַ איד וואָס האָט געהאַט מחשבות פון בטחון האָט ב"ה זוכה געווען צו אַריינגיין אין דעם הערליכן לימוד, וואָס צוביסלעך גייט ער דורכדעם עוקר זיין מן השורש אַסאַך נישט זיסע זאַכן.** ער דאַרף אָבער גיין ווייטער און טיפער ביז ער וועט קענען אָנגערופן ווערן אַן אמת'ער 'בעל בטחון' און טאַקע זוכה זיין צו אַלע הבטחות וואָס שטייט אין ספרים הק' אויף די 'בעלי בטחון.

## מאַך דיך אליינס אַ פאַרהער: ביזט אַ גליקליכער מענטש?

די גרעסטע 'מבחן' וויאַזוי אַ מענטש קען זיך בודק זיין, זיך צו איבערצייגן אויב ער איז טאַקע אַ 'בעל בטחון", איז אַז ער זאָל זיך באַטראַכטן אויב ער דרייט זיך אַרום גליקליך און צופרידן ביז'ן הימל.

דער כלל איז אַז דער 'בוטח בהשם' איז דער מערסט גליקליכער מענטש אויף דער וועלט! ווי עס שטייט אין פּסוק "אשרי אדם בוטח בך". **אַ מענטש וואָס איז זיך בוטח אין דעם אויבערשטן איז פּשוט גליקליך! ער שפּירט 24 שעה אַז ער איז פריילך און דערהויבן!** שפּירסט זיך נאָכנישט אַזוי? איז אַ סימן אַז האסט נאָך אַ וועג צו גיין ווייטער.

## זיך פרייען מיט אונזער יעצטיגע בטחון אָבער שטייגן העכער

דאָס מיינט נישט אַז דיינע מחשבות פון בטחון איז נישט געווען ווערד. חס ושלום! ביי גשמיות'דיגע וועלטליכע זאַכן איז דאָ אַזאַ באַגריף אַז מען דאַרף צוערשט לערנען פינף יאָר און נאָכדעם קען מען באַקומען אַ שטעלע. אָבער **ביי רוחניות אַרבעט עס נישט אַזוי**. אויב אַ מענטש האָט געלערנט איין פּסוק חומש, איז ער טאַקע נישט געוואָרן יעצט קיין גדול בתורה, אָבער **דער שכר פון דעם פּסוק חומש גייט ער באַקומען לנצח נצחים!** מיט יעדע וואָרט תורה וואָס מען לערנט ווערט מען נתקרב צום רבוש"ע!

דאָס זעלבע איז ביי בטחון: **מיט יעדע מחשבה פון בטחון ביזטו גלייך געוואָרן נענטער צום באַשעפער!** אָבער ס'איז אייביג דאָ אַ וועג צו גיין ווייטער, צו אָנקומען צו דער אמת'ער זיסקייט פון אמונה.

אַ מענטש דאַרף קענען אָנכאַפּן ביידע עקן; פון איין זייט דאַרף ער געדענקן אַז מיט יעדע קליינע מחשבה פון בטחון קריכט ער אַרויף אויף די מדריגות פון בטחון און דביקות, און **ער דאַרף דאָס מורא'דיג שטאַרק מחשיב זיין!** פון דער אַנדערער זייט דאַרף מען אויך געדענקן אַז **ער איז נאָך אין אָנהויב וועג**, ווייל אַ 'בעל בטחון' איז איינער וואָס **זיין גאַנצע מהלך המחשבה ווערט געטוישט מקצה אל הקצה**, וואָס דעמאָלט ווערט ער כביכול אַן 'אוהבו של מקום', ווי דער פּסוק זאָגט 'יושב בסתר עליון' און ס'איז גילטיג אויף אים אַנדערע סאָרט חוקי הטבע.

## די ריכטיגע מהלך; טוישן דעם פּלאַץ פון וואו מען שעפּט חיות

דאָס צו בעסער פאַרשטיין קען מען באַטראַכטן דעם מושג פון אַ 'דייעט': אַ מענטש האָט זיך נישט אַזוי אַכט געגעבן ביים עסן און דאָס שאַפט אים געזונטהייט פּראָבלעמען, גייט ער צום דאָקטער, און דער דאָקטער זאָגט אַז מען דאַרף טוישן דעם דיעטע, ער דאַרף אָנהויבן עסן אַנדערש, ווייל ער דאַרף פאַרלירן וואג.

מען זעט בחוש אַז ס׳איז דאָ מענטשן וואָס טוען דאָס טאַקע, עס העלפט אַביסל, אָבער ס׳גייט אַריבער צייט און אַלעס איז צוריק ביים אַלטן. וואָס איז דער פשט דערפון?

ווייל אַז מען וועט נעמען אַ ביכל וואָס טייטשט אָפּ ווערטער, וועט מען זען אַז דאָס וואָרט ׳דיעטע׳ איז נישט טייטש אזז מען זאָל עסן ירקות אָדער מען זאָל פאַסטן... די פירוש המילות פון ׳דיעטע׳ איז ׳באַקומען חיות אויף אַן אַנדערע וועג׳.

אַמאָל פלעגט דער מענטש באַקומען זיין חיות פון געוויסע סאָרט עסן. אָבער יעצט דאַרף ער עס טוישן, ער דאַרף טוישן זיין גאַנצע ׳סדר החיים׳, די צייטן וואָס ער עסט; וויפיל מאָל ער עסט; די ׳כמות׳ פון טרונקן אַז ס׳זאָל שטימען מיט זיין עסן. א.א.וו. ער דאַרף אָנהויבן באַקומען זיין חיות אויף אַן אַנדערן וועג.

אויב מען גייט אויף אַ געצווינגע דיעטע פאַלט מען צוריק אין דער מינוט וואָס מען לאָזט עס אָפּ, ווייל דער מענטש האָט נישט באמת משנה געווען דעם מהלך וויאַזוי ער באַקומט זיין חיות. בשעת ער האָט געפאָלגט דעם דאָקטער איז ער טאַקע געווען געזונטער, אָבער ווען ער לאָזט דאָס אָפּ איז ער צוריק ביים אַלטן, ווייל ער האָט זיך נישט איינגעוואוינט אן אַנדערע וועג פון באַקומען זיין עסן.

### באַקומען אונזער רואיגקייט פון בטחון, נישט פון אַלע זייטיגע באַרואיגונג מחשבות

עס שטייט אין ספרים הק׳ אַז פונקט ווי דאָס איז ריכטיג ווען עס האַנדלט זיך ביי ׳מזון גשמי׳, איז דאָס זעלבע נוגע ביי ׳מזון רוחני׳. דער מושג פון בטחון טוישט אונזער גאַנצע מהלך המחשבה, עס איז משנה אונזער מקור פון וואו מיר באַקומען חיות.

## בטחון איז אַ ׳געפיל זאַך׳. ס׳איז אַ מהלך המחשבה וואס מיר דאַרפן זיך טוישן

**מיר כאַפן נישט וויפיל די פאַרשידענע אַרומיגע מחשבות גיט אונז חיות.** ווען דער מענטש דערמאַנט זיך כסדר פון זיינע שוועריגקייט און פראָבלעמען, פרובירט ער זיך צו באַרואיגן מיט אַ גאַנצע סעט פון מחשבות: ״איך וועל טון אַזוי און אַזוי און ס׳וועט ווערן מסודר״; ״איך וועל רעדן מיט דעם און יענעם און ער וועט מיך העלפן שאַפן דאָס געלט״; אָט די אַלע מחשבות באַרואיגן דעם מענטש, עס גיט אונז אַ יניקה אַז מיר זאָלן האָבן אַ חיות.

### כגמול עלי אמו; ווי אַ קינד וואָס באַקומט די גאַנצע יניקה פון דער מאַמע

ווען דער **חובת הלבבות** וויל אַרויסברענגען די מהות פון בטחון ברענגט ער דעם פסוק, וואָס דוד המלך ע״ה זאָגט אין תהלים: ״**נפשי לה׳ כגמול עלי אמו כגמול עלי נפשי**״. דאָס מיינט נישט בלויז אַז דאָס קינד פאַרלאָזט זיך אויף די מאַמע אינגאַנצן, נאר אַז דאָס קינד איז ׳יונק׳ פון דער מאַמע, תרתי משמע, ער באַקומט זיין גאַנצע חיות פון דער מאַמע!

ווען מיר פאַרלאָזן זיך אויף עפּעס אַנדערש באַקומען מיר אונזער ׳יניקה׳ פון יענע מחשבות. מען ווערט רואיגער ווייל מען טראַכט אַז ״עס וועט שוין זיין בסדר״, מען פאַרלאָזט זיך אויף אונזער אייגענע קלוגשאַפט און פעאיגקייטן, און מען נארט זיך ״איך וועל שוין טראכטן, איך וועל זיך שוין אַן עצה געבן״. **דער מענטש מיינט אַז ער פאַרלאָזט זיך אינגאַנצן אויפ׳ן באַשעפער, אָבער באמת פאַרלאָזט ער זיך אויף זיין קלוגשאַפט.**

כדי צו ווערן אַ ׳בעל בטחון׳ דאַרפן מיר טוישן די פלאַץ פון וואו מיר שעפּן חיות. מיר דאַרפן באַקומען אונזער יניקה פון מחשבות פון אמונה און בטחון און נישט פון זייטיגע מחשבות איבער אונזער ׳גבורה׳ אדער ׳חכמה׳...

### כי בו ישמח לבנו; מיין גאַנצע שמחה און חיות פון דעם רבוש״ע

ס׳איז ידוע די מעשה אַז מען האָט געפרעגט הרה״ק רבי **שלמה קאַרלינער** זי״ע פון וואו ער האָט פרנסה? האָט ער געענטפערט אַז ער האָט צוויי קיעלעך: ״**כי בו ישמח לבנו כי בשם קדשו בטחנו**״.

דער צדיק האָט נישט געזאָגט קיין ווערטל סתם אַזוי. נאָר ער האָט באמת געהאַט אַ טיפע פנימיות׳דיגע הרגשה אַז זיין גאַנצע חיות שעפּט ער פון בטחון! יעדעס מאָל וואָס ער האָט עפּעס געדאַרפט האָט ער געשפּירט אַז ער איז יונק פון דעם ״כי בו ישמח לבנו״, ווייל ער איז אינגאַנצן אָנגעוויזן אויפ׳ן באַשעפער! **ווען ער וויל זיך באַרואיגן אָדער באַקומען האָפענונג באַקומט ער דאָס נישט פון קיין שום אַנדערע זאַך אויף דער וועלט, בלויז פון דעם רבוש״ע!** אָט דאָס איז אַ ׳בעל בטחון׳!

ד

## נכון לבו בטוח בה׳; דער ׳בעל בטחון׳ דאַרף לוחם זיין קעגן די פאַלשע מציאות פון דעם עולם הטבע

### מען דאַרף קוקן אַנדערש אויף דער וועלט

נאָך אַ דערהער אין דעם ענין, צו פאַרשטיין פאַרוואָס דער ענין פון בטחון איז אן ׳עבודת החיים׳, וואָס האָט נישט קיין גבול, איז צוליב די פשוט׳ע סיבה ווייל מיר זען אַגאַנצן טאָג פאַר די אויגן אַ גאַנצע מציאות פון דער וועלט, וואָס קוקט אויס פאַרקערט ווי עס שטייט חובת הלבבות.

דער רבוש״ע האָט אַזוי אויסגעשטעלט אַז אויף די טבע׳דיגע וועלט זאל אויסקוקן אַז ׳ווער ס׳איז אַ מוצלח דער מאַכט אַ לעבן׳, ׳ווער ס׳איז פעאיג דער קומט אן׳... **באמת אַז מען קוקט גוט וועט מען זען אַז דאָס איז פשוט שקר, ס׳איז בלויז אַ פאַלשע הצלחה**, אָבער פון אויבנאויף מאַכט דאָס אַזאַ איינדרוק.

דערפאַר ליגט אויף אונז אַ געוואַלדיגע אַרבעט, צו איינגעוואוינען אונזער מח יעדן איינציגן טאָג ווען מען קומט אַרויס אין גאַס, אַז מען זאָל נישט ווערן באַאיינפלוסט פון אַלעס וואָס מען הערט און זעט די גאַנצע צייט, נאר מען זאָל קוקן אויף די זאַך מיט׳ן מח און נישט מיט׳ן חיצוניות׳דיגן בליק. **שפּעטער וועט מען שוין זען אַז אפילו בגשמיות איז ׳בטחון׳ דער איינציגער אמת אויף דער וועלט**, אָבער כדי צו אָנקומען צו דעם שינוי דאַרף מען אַסאַך מלחמה האַלטן מיט דעם גאַנצן אַרום.

### יעדן טאָג איז אַ פרישע עבודה זיך צו שטאַרקן קעגן די פאַלשע בליק פון דער וועלט

חכמינו ז״ל זאָגן אונז (קידושין ל׳ ע״ב): ״**יצרו של אדם מתגבר עליו בכל יום**״, איינס פון די טייטשן דערפון איז אַז יעדן טאָג ווען דער זון שיינט אויף זען מיר נאָכאַמאָל אן ׳עולם הטבע׳, עס קוקט אויס פאַר׳ן מענטש כאילו די וואָס זייערע נעמען פיגורירן אויף די פלאַקאַטן אויף די גאַסן, זיי זענען די גרויסע מצליחים, און די אידן וואָס פאַרלאָזן זיך אויפ׳ן אויבערשטן זיי זענען נישט מצליח...

די עבודה פון ׳בעלי בטחון׳ איז יעדן טאָג פונדאָסניי, צו בעטן השי״ת אַז **ער זאָל אונז העלפן זען די וועלט מיט אַן אמת׳דיגן בליק!** דאָס איז פונקט ווי אַ קונצן מאַכער וואָס ווייזט אַלע ערליי טריקס; יעדער ווייסט אַז ס׳איז נישט אמת אַז דער מענטש האָט יעצט אויפגעגעסן די מטבע אָדער אַז די שפּילצייג איז נעלם געוואָרן... אָבער אויב מען זעט דאָס יעדן טאָג, און מען חזר׳ט זיך נישט כסדר אַז דאָס איז בלויז אן אויגן פאַרבלענדעניש, וועט מען נאָך איין טאָג אָנהויבן גלייבן אַז דאָס איז טאַקע אמת...

### ״די צייט רוקט זיך דער אויבערשטער רוקט זיך נישט״...

נאָך אַ געוואַלדיגע דערהער אין דער סוגיא פון בטחון קענען מיר לערנען פון דער מעשה, וואָס הגאון רבי **יחזקאל אבראמסקי** ז״ל האָט דערציילט, זאָגנדיג אַז: ״**בטחון האָב איך געלערנט פון דעם ליובאַוויטשער רבי׳ן, דער ריי״ץ זצ״ל**״.

די מעשה איז געווען אַז הגאון רבי יחזקאל אבראמסקי זצ״ל איז געזיצן אינאיינעם מיט הגה״ק רבי יוסף יצחק מליובאַוויטש זצ״ל אין דער רוסישער טורמע, אונטער די גרויזאַמע קאָמוניסטישע ק.ג.ב.

איין טאָג האָט מען זייביידע געמאָלדן אַז ביז 24 שעה וועט מען זיי פירן צום טויט רח״ל.

> **עס קוקט אויס פאַר'ן מענטש כאילו די וואָס זייערע נעמען פיגורירן אויף די פּלאַקאַטן אויף די גאַסן, זיי זענען די גרויסע מצליחים.**

הג"ר יחזקאל האָט זיך ארומגעדרייט אַהין און צוריק, וואוסנדיג אַז אויב די רשעים האָבן שוין אַרויסגעגעבן דעם פּסק דעמאָלט איז שוין זייער ביטער און ס'איז כמעט נישט פאַרהאַן קיין וועג אַרויס בדרך הטבע.

ווען דער ליובאוויטשער רבי האָט געזען אַז ער איז אַזוי צעבראָכן האָט ער אים געפרעגט: "פאַרוואָס ביזטו אַזוי דערשראָקן?", אויף וואָס הגר"י אבראמסקי האָט רעאַגירט אַז: "די צייט רוקט זיך". האָט אים דער ליובאַוויטשער רבי געזאָגט: **"אָבער דער אויבערשטער רוקט זיך נישט".**

ס'איז אַריבער עטליכע שעה און ס'איז אָנגעקומען אַ טעלעגראַם פון אַמעריקע אַז מען וויל דאָרט אויפנעמען דעם ליובאַוויטשער רבי'ן פאר אַ רב. גלייכצייטיג איז אָנגעקומען אויך אַ טעלעגראַם פון לאָנדאָן אַז מען וויל דאָרט אויפנעמען הגאון רבי יחזקאל זצ"ל פאר אַ רב אין ענגלאַנד, און אַזוי זענען זיי ביידע ניצול געוואָרן אין דער לעצטער מינוט.

## אַן אמת'ער בוטח איז נישט משועבד צו דעם כלל פון 'זמן'

לאָמיר זיך אַביסל מתבונן זיין, וואָס איז די אָפּטייטש פון דעם וואָרט: "די צייט רוקט זיך אָבער דער רבוש"ע רוקט זיך נישט"?

מיר זענען צוגעוואוינט צו שפּירן אַז ווען די צייט לויפט אויס דעמאָלט ווערט דער מצב שווערער. ווייל דער 'עולם הגשמי' אָפּערירט לויט די כללים פון "זמן". און היות מיר זענען אַזוי צוגעוואוינט צו די טבע'דיגע כללים, קוקט אונז אויס אַז ווען די צייט האָט זיך גערוקט איז דער מצב גאָר ענג, און יעצט איז שוין שווערער צו ווערן געהאָלפן.

אָבער אויב אַ מענטש איז יונק פון בטחון אין דעם אויבערשטן, וואָס ביי אים פאַרנעמט נישט "זמן" קיין אָרט, **קענען מיר בלייבן רואיג אפילו ווען די צייט איז שוין זייער שפּעט**, ווייל דאָס אַז די צייט איז אַריבער איז באמת נישט מעלה אָדער מוריד!

## די אַלע טבע'דיגע באַגריפן מיינט נישט דיר...

משל למה הדבר דומה: אַ מענטש ליגט אין שפּיטאָל ח"ו, און ער זעט אַז געוויסע נומערן גייען שטאַרק אַרויף, ווערט ער זייער אָנגעצויגן, ער קלינגט דעם דאָקטער מיט אַ גרויסע בהלה, אָבער ווען דער דאָקטער קומט אן זאָגט ער אַז מ'דאַרף נישט זאָרגן, די ספּעציפישע נומערן מאַכן נישט צופיל אויס, מען קוקט אויף די נומערן פון אַן אַנדערן מאַשין, דאָס ווייזט אויף עפּעס אַנדערש וואָס איז נישט נוגע פאר דיין מצב.

צדיקים האָבן זוכה געווען אַז זיי זענען אָנגעקומען צו דער מדריגה, וואו ס'איז דאָרט נישט געווען די אַלע כללים פון 'צייט'! ביי זיי איז נישט געווען דער באַגריף אַז אויב ס'איז שוין אַזוי שפּעט, מיינט דאָס אַז מיר לויפן אויס פון דער ישועה און יעצט האָט מען שוין כמעט נישט קיין מעגליכקייט זיך צו ראַטעווען, ווייל **דער 'זמן' האָט ביי זיי נישט געהאַט קיין משמעות!**

דער אמת'ער בעל בטחון וואָס געפינט זיך רואיג 'בסתר עליון', איז אים דאָרט נישט צופיל קיין נפקא מינה וואו די צייט האַלט, ווייל **דער באַשעפער קען פּונקט אַזוי העלפן אויך אין דער לעצטער מינוט.**

צדיקים האָבן זיך אַזוי איינגעוואוינט אַז זיי האָבן פּשוט געקענט לוחם זיין קעגן די גאַנצע מציאות פון דער וועלט. זיי האָבן געלעבט מיט דער הנהגה פון דעם רבוש"ע, מיט אַזאַ קלאָרע בטחון, אַז **זיי זענען באמת נישט געווען משועבד צו די חוקי הטבע.** וויפיל מער אַ איד איז זיך משתדל צו לעבן מיט אַזאַ צוגאַנג ברענגט ער אַריין מער אלקות אין דער וועלט, ער באַלייכט די וועלט מיט יעדע מחשבה פון בטחון און דער שכר דערויף איז אומשאַצבאַר!

## די שאלה פון 'השתדלות' און 'בטחון' איז נאָר נוגע אויף למעשה - נישט במחשבה

דער שמועס איז אויך רעלעוואַנט כלפּי דעם וואָס מענטשן זענען צעמישט מיט די שאלות פון 'השתדלות' און 'בטחון'; וויפיל דאַרף מען טון השתדלות און וויפיל הייסט שוין צופיל; מען איז נישט קלאָר אין די גדרים פון השתדלות על פי תורה.

דער אמת איז אַז די שאלה איז בלויז נוגע לגבי די '**מעשה**' פון שתדלנות, צי מען זאָל יאָ אָדער נישט טון, און צי מ'זאָל טון אַזוי אָדער אַזוי. אָבער דער עיקר פון בטחון איז דאך דוקא צו טוישן אונזער '**מהלך המחשבה**', נישט אפילו אַזוי ווייט די מעשה.

דאָס מיינט אין אַנדערע ווערטער, אַז אויך אין אַזעלכע פעלער וואָס מען ווייסט נישט פּונקטליך וויאַזוי זיך צו פירן 'למעשה', אָבער ווען עס קומט צו 'מחשבה' איז עס גאַנץ קלאָר וואָס מען דאַרף טראַכטן; סיי ווען **מען האָט נישט קיין פּרנסה דאַרף מען וויסן אַז דער רבוש"ע וועט אים העלפן** און פירן צום גוטן, און סיי **ווען מען האָט יאָ פּרנסה, דאַרף מען וויסן אַז נישט די ביזנעס ברענגט מיך פּרנסה,** נאר אַלעס איז פון דעם אויבערשטן.

די אַלע ספיקות וואָס מען איז נישט קלאָר, צי מ'דאַרף יאָ אָדער נישט טון, **דאס דארף נישט אַפּעקטירן דיין חלק המחשבה!** ווייל אפילו לאָמיר זאָגן אַז מען דאַרף טאַקע יאָ מאַכן מער השתדלות, איז דאך קלאָר אַז בשעת מען טוט די השתדלות דאַרף מען וויסן קלאָר איז די השתדלות ברענגט נישט די פּרנסה, און בלויז דער רבוש"ע שפּייזט מיך! אונזער עיקר אַרבעט איז צו טראַכטן ווי אַ מאמין בה' אין אַלע אומשטענדן, אָפּגעזען וואָס מען טוט למעשה.

## אַ סך הכל פון די יסודות בנוגע ריכטיגע בטחון בה'

לאָמיר בקיצור איבערגיין די נקודות וואָס מען האָט אויסגעשמועסט אין דעם שיעור.

דער ערשטער כלל: ס'איז קיינמאָל נישט שייך צו האָבן אַזאַ סאָרט מחשבה אַז "איך האָב שוין געהאַט בטחון בשלימות", ווייל ס'איז אַלעמאָל דאָ אַ מדריגה העכער. ס'איז דאָ אַזעלכע מענטשן וואָס פון הימל וועט מען פאָדערן פון זיי נאָך גרעסערע מדריגות אין בטחון, ווייל מען ווייסט אַז זיי קענען צוקומען העכער, און ס'איז דאָ מענטשן וואָס פאר זיי וועט מען שוין געבן די ישועה אפילו ביי קלענערע מדריגות.

אויב דו זעהסט אַז ביזט נאָכנישט געהאָלפן געוואָרן איז טייטש אַז פון הימל האַלט מען אַז ביזט שוין ראוי צו אַ העכערע מדדיגה, אָבער ווער נישט צובראָכן דערפון ווייל דו ביזט אויפ'ן גוטן וועג. וועסט בעז"ה זוכה זיין צו ווערן אַ ריכטיגער 'בעל בטחון'.

דער צווייטער כלל: צומאָל ווען אַ מענטש טרעפט זיך אין אַ שוועריגקייט זאָגט ער: "מען גייט זיך נעמען האַקן בטחון אויף דעם פּראָבלעם"... אָבער **דעמאָלט איז ער דבוק אין דער זאַך וואָס ער וויל, ער איז נישט דבוק צו אמת'ע בטחון בה'.**

ווען מען דערזעט זיך אין אַ צרה און מען וויל געהאָלפן ווערן דורך בטחון אָבער דערווייל איז די ישועה נישט געקומען, זאָל מען זיך באַטראַכטן: **"לאָמיר זען וויאַזוי איז מיין בטחון ביי אַנדערע זאַכן?!** וואו איז מיין בטחון ווען ס'קומט צו בין אדם לחבירו?!".

גלייכצייטיג זאָל מען בעטן אַ תפלה: "**רבוש"ע העלף מיך אַז איך זאָל זיין דבוק צו בטחון, מיין גאַנצע מהלך המחשבה זאָל זיך טוישן צו זיין אַ בעל בטחון**". דעמאָלט וועט מען זען אַז ס'וועט ווערן ליכטיגער און ליכטיגער, ווייל בטחון אַרבעט אפילו ביי פּשוט'ע מענטשן, מען דאַרף עס נאר אויפבויען אויף די ריכטיגע וועג, וועט מען זוכה זיין צו דעם '**הבא לטהר מסייעין אותו**'.

## בטחון העלפט יאָ בלי שום ספק, אַלעמאָל און ביי יעדן

חלילה אַז די ווערטער זאלן אָנגענומען ווערן כאילו מען מען האָט נאָך אַ לאַנגע וועג, ביז מען קען אָנקומען צו דער מדריגה פון ווערן אַ 'בעל בטחון'... נאר פּונקט פאַרקערט! לאָמיר געדענקן אַז אפילו ווען די בטחון האָט נישט גלייך געאַרבעט זאָל מען נישט ווערן צעבראָכן, נאר מען זאָל וויסן אַז בעצם אַרבעט בטחון יאָ! און אויב מיר וועלן ריכטיג טוישן אונזער מהלך המחשבה; מיר וועלן אַרבעטן טאָג נאָך טאָג צו לעבן בצל כנפי השי"ת; **דעמאָלט איז הונדערט פּראָצענט זיכער אַז דאָס וועט העלפן!** דער מענטש וועט אַריינגיין אין אַ נייע וועלט! ער וועט לעבן מיט'ן באַשעפער און אַלע ישועות וועלן קומען אפילו בדרך הטבע.

דאָס אַלעס איז נישט בלויז געזאָגט געוואָרן פאַר צדיקים, נאר יעדער איד קען אָנקומען צו זיין אַ 'בעל בטחון' מיט אַן אינערליכע 'שמחת החיים', וואָס גאָרנישט אויף דער וועלט וועט קענען אַוועקנעמען זיין גליק און צופרידנהייט. דאָס איז אמת און דאָס אַרבעט אַלעמאָל!

# הכרת הטוב

## ועל חיים חן וחסד שחוננתנו;
הכרת הטוב אין יעדן פּרט פון אונזער לעבן

יום שני פּרשת וארא כ"ג טבת תשפ"ג

א

## נפשו חייב לו; די פּסוקי התורה דערציילן איבער דאָס גרויסקייט פון הכרת הטוב

### הכרת הטוב גייט ביז מסירת נפש

איבער דאָס גרויסקייט פון הכרת הטוב געפינען מיר זייער אַ שטאַרקן לשון אין מדרש:

ווען דער אויבערשטער האָט געשיקט משה רבינו פון מדין קיין מצרים, צו גיין אויסלייזן די אידן, האָט משה רבינו געהאַט אַ פּראָבלעם, ווייל ער האָט נישט געוואָלט איבערלאָזן זיין שווער, ווי די גמרא זאָגט אין מסכת נדרים (סה, א) אַז ער האָט געגעבן אַ שבועה פאר יתרו אַז ער גייט נישט נעמען צפּורה און גיין ערגעץ אַנדערש.

איז דאָ אַן אינטערעסאַנטע לשון אין מדרש (שמו"ר ד, ב): **בשעה שאמר לו הקב"ה ועתה לכה ואשלחך אל פרעה, אמר לו: רבון העולם! איני יכול, מפני שקיבלני יתרו ופתח לי ביתו ואני עמו כבן, ומי שהוא פותח פתחו לחבירו, נפשו חייב לו.**

דאָס הייסט אַז משה רבינו האָט געזאָגט פאַר'ן אויבערשטן: וויאַזוי קען איך איבערלאָזן יתרו?! ער האָט דאָך מיך אויפגענומען, ער האָט מיך געעפּענט זיין שטוב און איך בין אים ווי אַ קינד. איינער וואָס האָט געעפענט די טיר פאר אַ צווייטן איז דער צווייטער מחויב זיך צו מוסר נפש זיין פאַר אים - "נפשו חייב לו"!

### משה רבינו שטעלט זיך אַריין אין אַ געפאַר נישט צו פּוגע זיין אין הכרת הטוב

דער פּירוש **'עץ יוסף'**, דאָרט אויפ'ן מדרש, ערקלערט אַז באמת איז דאָס טאַקע געווען אַ בחינה פון מסירת נפש ביי משה רבינו, ווייל ווען ער האָט געבעטן דעם אויבערשטן אַז ער וויל נישט גיין קיין מצרים האָט ער זיך אַריינגעלייגט אין אַ ריזיגע סכנה. דער 'רבון כל העולמים' זאָגט אַז דו זאָלסט אַרויסגיין פון מדין און דו פּרובירסט זיך אַרויסצודרייען?! דער גרויסער באַשעפער לייגט אַרויף אַ שליחות אויף דיר און דו ענטפערסט: "כ'קען נישט, כ'וויל נישט, כ'וועל זען"...

און מיר ווייסן טאַקע - דאָס וואָס **רש"י** ברענגט אין פּרשת שמות און דער **אור החיים הק'** אין פּרשת תצוה - אַז אַדאַנק דעם האָט משה רבינו ווירקליך פאַרלוירן די כהונה, פאַר אים און פאר זיינע קינדער, לדורי דורות, ווייל ער האָט נישט גלייך אָנגענומען די שליחות פונעם אויבערשטן. עס האָט אים געקאָסט אַ פּרייז, און ער האָט געוואוסט אַז ער קען באַשטראָפט ווערן, אָבער **ער האָט פאַרשטאַנען אַז ער מוז אַזוי טון**, ווייל ער קען נישט זיין קיין 'כפוי טובה' פאר יתרו, וואָס האָט אים אַריינגענומען אין שטוב.

> **יעקב אבינו האָט דאָך פאַרדינט פון די שעפּעלעך, האָט ער שואל געווען בשלומם**

### אליהו הנביא לייגט זיך אַריין אין אַ סכנה צוליב הכרת הטוב

דער מדרש לייגט צו אַז די זעלבע זאַך געפינען מיר ביי אליהו הנביא, אַז ער האָט זיך אויך מוסר נפש געווען פאר דעם ענין פון הכרת הטוב: **וכן אתה מוצא באליהו בשעה שהלך אצל צרפית האלמנה מת בנה התחיל מתחנן ואומר (מ"א יז, כ) הגם על האלמנה אשר אני מתגורר עמה הרעות להמית את בנה, וכתיב וישמע ה' בקול אליהו ותשב נפש הילד".**

ווען אליהו הנביא איז איינגעשטאַנען ביי דער אלמנה, און שפּעטער איז איר קינד געשטאָרבן, האָט אליהו הנביא זיך איינגעשטעלט דאָס לעבן, ער האָט גערעדט צום אויבערשטן 'דברים קשים', אפילו ער האָט געוואוסט אַז ער לייגט זיך דורכדעם אַריין אין אַ סכנה, אָבער ער האָט געשפּירט אַז זי האָט דאָך אים געטון אַ טובה, זי האָט אים אַריינגענומען אין שטוב, **מוז ער יעצט אַרויסגיין פון וועג** און טון אַלעס וואָס ער קען, ביז ממש מסירת נפש!

### "חייב בכבודו יותר מאביו ומאמו"

דער מדרש ענדיגט צו מיט אַ הפלא'דיגע לשון: **"ולא עוד אלא שכל הפותח פתחו לחבירו, חייב בכבודו יותר מאביו ומאמו"**. - איינער וואָס עפּענט די טיר פאַר'ן חבר, דאַרף אים דער חבר נאָכמער מכבד זיין ווי מען איז מכבד אַ טאַטע און אַ מאַמע.

די מפרשים זענען מסביר אַז די עלטערן פון דעם מענטש האָבן דאך אויך אַ נאַטירליכע טבע אים צו געבן גוטס, אָבער ווען אַ פרעמדער מענטש עפענט דעם טיר פאר אַ צווייטן, האָט יענער אַ חיוב פון הכרת הטוב נאָך שטאַרקער ווי פאַר אַ טאַטע מאַמע, עד כדי מסירת נפש.

### לך נא ראה את שלום הצאן

נאָך אַן אינטערעסאַנטע מדרש איבער דעם ענין פון הכרת הטוב איז דאָ אין פּרשת וישב, ווען יעקב אבינו האָט געשיקט יוסף צו די ברודער, האָט ער געזאָגט: **"לֵךְ נָא רְאֵה אֶת שְׁלוֹם אַחֶיךָ וְאֶת־שְׁלוֹם הַצֹּאן".**

שטייט אין מדרש תנחומא: **"וכי הצאן יודעות מהו שלום שאמר לו את שלום הצאן?!"** - די שעפּעלעך האַלטן דען מיט אַז איינער האָט זיי געשיקט אַ גרוס?

**"אמר ר' אייבו, צריך אדם שיהא מתפלל על מי שהוא משביר אותו, לפי שהיה יעקב משתכר מצאנו ואוכל החלב ולובש הגז, לפיכך נצרך לשאול בשלומן, לכך נאמר את שלום אחיך ואת שלום הצאן.**

דאָס הייסט אַז וויבאַלד יעקב אבינו האָט דאָך פאַרדינט פון די שעפּעלעך. **ער האָט הנאה געהאַט פון זייער מילך און פון זייער וואָל**, האָט ער שואל געווען בשלומם. ער האָט געוואָלט וויסן "מה שלום הצאן?". איך זאָרג פאר זיי, איך בין מתפּלל פאר זיי!

בדרך כלל קוקן מיר אָן דעם ענין פון "צער בעלי חיים" אַז דאָס איז בעיקר אונז צו מרגיל זיין אַז מ'זאָל נישט האָבן די מדה פון אכזריות, אָבער אין דעם מדרש זען מיר אַז דאָס גייט נאָכמער דערפון. ס'איז דאָ אַזאַ באַגריף אַז מען זאָל אינזין האָבן די בהמות, ווייל דאָס איז אַ חלק פון הכרת הטוב.

אַלענפאַלס, זען מיר ווי די תורה דערציילט אונז די אַלע זאַכן; סיי אַז משה רבינו האָט נישט געשלאָגן די וואַסער; סיי אַז משה האָט נישט געוואָלט איבערלאָזן יתרו; און סיי ביי יעקב אבינו מיט זיינע שעפּעלעך, אונז צו לערנען איינמאָל און נאָכאַמאָל דעם לימוד פון הכרת הטוב.

ב

## על שהחייתנו וקיימתנו; מכיר זיין דעם רבוש"ע דורך הכרת הטוב

### הכרת הטוב אפילו פאר אַ 'בעל חי'

אַ איד האָט מיך אַמאָל פאַרציילט אַ געוואַלדיגע זאַך:

מיט יאָרן צוריק האָט איינער פון זיינע קינדער זיך זייער שטאַרק געמוטשעט מיט פאַרשידענע פּראָבלעמען בנפש. אין יענע תקופה האָט ער געדאַרפט קויפן אַ געוויסע סאָרט 'בעל חי', וואָס די גרויסע מומחים האָבן געזאָגט אַז דאָס קען העלפן פאַר די נפשיות'דיגע געברויכן פון דאָס קינד. דאָס

איז נישט קיין לייכטע בעל חי' צו מגדל זיין אָבער ער האָט עס געקויפט פאר דעם תועלת פונעם קינד און ס'האָט ב"ה געהאָלפן.

ס'איז שוין אַריבער יאָרן זייט דעמאָלט. דאָס קינד האָט שוין חתונה געהאַט און אויפגעשטעלט אַ שטוב, אָבער דער טאַטע מוטשעט זיך נאָך מיט דעם 'בעל חי' אינדערהיים, טראָצדעם וואָס עס קומט נישט אָן לייכט, איז ער נישט מסכים דאָס צו מפקיר זיין ווייל ער זאָגט: "אויב ווען איך בין געווען אויף צרות האָט עס מיך אַרויסגעהאָלפן, ווי קען איך עס יעצט איבערלאָזן אַז ס'זאָל שטאַרבן"...

אָט ממש די זעלבע סאָרט צוגאַנג שטייט דאך אין דעם אויבנדערמאַנטן מדרש פון "לך נא ראה את שלום הצאן". אַסאַך מאָל איז אונזער בליק נישט ריכטיג געבויעט כלפי דעם ענין פון 'צער בעלי חיים', אָבער **ווען מען קוקט אין די תורה, זעט מען דאָס גרויסקייט פון הכרת הטוב, אפילו כלפי אַ דומם, כלפי אַ חי אָדער צומח**, און דאָס שטייט נישט אין קיין פאַרוואָרפענע ספרים, מען רעדט דאָ פון אָפענע חומש, רש"י און מדרשים.

מיר זענען אָבער אַזוי ווייט פון דעם ענין, אַז צוערשט לאָמיר אַרבעטן אויף הכרת הטוב פאר מענטשן, מיר האַלטן נאָכנישט ביי די בעלי חיים... ווען אַ מענטש וואָלט ריכטיג אָפּגעלערנט וואָס איז דאָס הכרת הטוב, וואָלט ער אויך געכאַפּט ווי טיף דאָס גייט, אַז ס'איז נוגע אויך ביי בעלי חיים, ווי מען זעט עס אין די תורה הק', וואָס איז דאך אמת לאמיתה.

## וויאַזוי אַרבעט הכרת הטוב צוזאַמען מיט אמונה בהשגחה

ווען מען הייבט אָן רעדן פון הכרת הטוב דאַרף מען אויסשמועסן אַ פּשוט'ע שאלה, וואָס דער חובת הלבבות פרעגט דאָס שוין: **פאַרוואָס דאַרפן מיר מכיר טובה זיין פאַר איינעם וואָס האָט אונז געטון אַ טובה?! מיר גלייבן דאך אַז אַלעס קומט פונעם רבוש"ע, ס'איז אַזוי געווען באַשערט!**

מילא, ווען דער מענטש האָט נישט קיין ריכטיגע אמונה ובטחון, און ער רעדט זיך איין אַז יענער עסקן האָט אים ממש געראַטעוועט ממות לחיים, דעמאָלט קען מען פאַרשטיין אַז ער שפּירט כאילו ער איז יענעם שולדיג זיין לעבן. אָבער אויב מען פאַרשטייט דעם אמת, אַז דאָס האָט גאָרנישט מיט יענעם, וואָס איז פּשט פון הכרת הטוב?! פאַרוואָס זאָגט דער מדרש אַז "נפשו חייב לו", ס'איז דאך סייווי געווען באַשערט?!

## אמת'ע אמונה ובטחון קומט טאַקע דורך הכרת הטוב

זאָגן די ראשונים, אַז די גאַנצע זאַך וויאַזוי אַ מענטש קען צוקומען צו די אמת'ע הכרה אַז אַלעס איז דער אויבערשטער, **דאָס פּאַסירט בלויז דורך דעם וואָס ער האָט די מדה פון 'הכרת הטוב'!**

אודאי ברויכן מיר האָבן די עיקר הכרת הטוב פאַר'ן רבוש"ע, וואָס אַלעס קומט פון אים, אָבער כדי צו קענען האָבן די אמת'ע געפיל פון מכיר זיין דעם אויבערשטן, דאַרף ער קענען האָבן אַ 'כלי' וואָס ער קען דאָס אָנכאַפּן און זאָגן - **"ער איז געווען דער מענטש, דאָס איז איז געווען די כלי, וואָס דורכדעם איז געקומען די שפע פונעם אויבערשטן צו מיר! דער מענטש איז געווען דער שליח פון דעם רבוש"ע מיך צו העלפן! איך דאַרף דאָס געדענקן אַגאַנץ לעבן!"**.

אָט אַזוי וועט אַרבעטן דער כלל פון "האדם נפעל כפי פעולותיו" - ווען דער מענטש איז עוסק אין הכרת הטוב, וועט אויך זיין הכרת הטוב צום אויבערשטן זיין אויפ'ן ריכטיגן וועג.

## פאַלשע הכרת הטוב

אויב אַ מענטש וועט זאָגן: "איך לאָז זיך אָפּ פון הכרת הטוב פאר מענטשן, איך גיי בלויז מכיר טובה זיין פאַר'ן רבוש"ע", זאָל מען וויסן אַז אַזאַ מענטש נארט זיך זייער שטאַרק. ווייל דאָס איז אים גאָרנישט מחייב. ער טראַכט אַגאַנצע צייט צו זיך: "דאָ טו איך אַ מצוה, דאָ טו איך אַ מעשה טוב", אָבער באמת טוט ער דאָס בלויז ווייל ס'קומט אים אָן באַקוועם און גרינג! ער איז נישט אַרויס פון זיין וועג צו אויסדרוקן 'הכרת הטוב' און דער רבוש"ע דארף אים נאָך זאָגן אַ יישׁ"כ אַז ער האָט געדאַוונט אַביסל ערליכער...

ווען דער מענטש טוישט נישט זיין התנהגות, ער גייט נישט אַרויס פון וועג צו מכיר טובה זיין, איז דאָס טייטש אַז ער איז נישט באמת מכיר טוב! אַלעס וואָס ער טוט איז בלויז ווייל: "אויב ס'איז בחנם, פאַרוואָס נישט?"... אָבער **דער אמת'ער מכיר טובה האָט די הרגשה פון 'נפשו חייב לו'**. ער גייט אַרויס פון זיין וועג פאר דעם וואָס האָט אים געטון די טובה.

## איך געב נישט אַוועק פון מיין צייט...

לאָמיר דאָס בעסער פאַרשטיין מיט אַ ביישפּיל פון אַ מענטש וואָס האָט זיך דערטראָנקען אין ים און ממש אין די לעצטע רגע איז געקומען איינער און אים אַרויסגעראַטעוועט פון וואַסער.

דעם ערשטן טאָג נאָך די מעשה, שפּירט דער מענטש אַז בעצם יעדע שעה וואָס ער פאַרמאָגט היינט איז 'הכל ריווח'... עס ליגט אים נאָך גוט אין די ביינער אַז ער כמעט שוין נישטאָ געווען...

אַצינד, ווען דער 'מציל' בעט אַז ער זאָל אים אַוועקגעבן צוויי שעה פון זיין טאָג - "איך מאַך היינט בר מצוה, קום אַריבער זיך באַטייליגן פון אָנהויב ביז'ן סוף", האָט דער מענטש אַ געפיל אַז בעצם האָב איך שוין נישט געהאַט קיין שום שעות... **בזכותו האָב איך 22 שעה און ער בעט מיך בלויז 2 שעה, אודאי וועל איך גיין!**

זיין מח פאַרשטייט אַז ער טוט נישט דאָ קיין גרויסע מצוה אַז ער גיט אַוועק צוויי שעה 'פון זיך', ווייל ער ווייסט אַז אָן דעם מענטש וואָלט ער גאָרנישט געהאַט. ער גיט נישט אַוועק פון 'זיין צייט', נאר פון די צייט וואָס "יענער" האָט אים געשאָנקן.

## דער וואָס האָט דיך געטון די טובה האָט דיך געגעבן לעבן

די זעלבע סאָרט בליק איז נישט בלויז נוגע לגבי 'צייט' נאר דאָס איז אַזוי ביי יעדע אַנדערע געלעגנהייט, וואָס דער מענטש איז געווען אין אַ פּראָבלעם און איינער האָט אים געהאָלפן. דאַרף ער זיך מאַכן דעם חשבון - **"ווער ווייסט וויאַזוי איך וואָלט אויסגעקוקט אויב יענער וואָלט מיך נישט אַרויסגענומען פון מיין צרה?! דאָס וואָלט דאך געקענט משפּיע זיין אויף מיין גאַנצע עתיד!"**.

אַ מענטש דערמאַנט זיך פאַרשידענע געלעגנהייטן אין לעבן, צ.ב.ש. אַז אין זיינע בחור'ישע יאָרן האָט אים איינער געהאָלפן אין ישיבה; ווען ער איז אַמאָל געווען אין חובות האָט אים אַ איד באַגלייט זיך אַרויסדרייען דערפון; ווען ער האָט געדאַרפט חתונה מאַכן אַ קינד האָט עמיצער זיך געזאָרגט פאַר אים; ווען ער האָט געהאַט אַ געזונטהייט קאָמפּליקאַציע אין די משפּחה האָט אים איינער געהאָלפן, אאַ.וו.

ביי די אַלע פעלער זאָל דער מענטש זיך פרעגן: "וויאַזוי וואָלט איך אויסגעקוקט אָן יענעם?! היינט בין איך שוין ב"ה אויף דער אַנדערער זייט, אָבער אָן דעם איד, מי יודע וואו איך וואָלט זיך געפינען היינט צוטאָגס! ווען נישט יענעם וואָלט דאך מיין מציאות געווען אַנדערש!"

**מיט אַזאַ בליק קען מען ריכטיג שפּירן דעם 'נפשו חייב לו', ווייל אַ חלק פון מיין לעבן בין איך דאָך שולדיג פאר יענעם 'מטיב'**, און צו אַזאַ הכרה דאַרפן מיר טאַקע צוקומען.

## אַנערקענען דעם מציאות אַז יענער האָט מיך געהאָלפן ביז'ן היינטיגן טאָג

באמת איז וויכטיג מיר זאָלן אָנהויבן באַגרייפן אַז אונזער גאַנצע 'הצלחה', אונזער גאַנצע 'מציאות החיים', איז געבויעט אויף צענדליגער טויזנטער דעטאַלן, **וואָס מיר נעמען דערויף די קרעדיט פאר זיך, אָבער באמת באַלאַנגט די אמת'ע קרעדיט פאר אַנדערע מענטשן און פאַר'ן רבוש"ע וואָס האָט אונז דאָס געגעבן.**

לדוגמא, דיין מלמד פון כתה א', וואָס האָט דיך אויסגעלערנט די 'אלף בית'. **ס'איז דאך פּשוט אַז אויב וואָלסטו נישט גוט אויפגעכאַפּט די 'עברי', וואָלסטו געליטן דערפון עד היום הזה.**

מיט די עצם זאַך אַז היינט - ביי די פופציג און זעכציג יאָר - קענסטו אַריינקוקן אין אַ סידור און לערנען אַ בלאַט גמרא, ביזטו למעשה נהנה עד היום הזה פון דעם כתה א' מלמד. דאָס איז דער מציאות, צי ס'איז דיר יאָ באַ'טעמ'ט צו הערן אָדער נישט...

די זעלבע זאַך מיט'ן רעדן. דאָס אַז דו האסט זיך אויסגעלערנט רעדן, איז דאָס בלויז צו פאַרדאַנקן דיינע עלטערן, וואָס האָבן זיך אָפּגעגעבן און דיך אויסגעלערנט צו רעדן.

דאָס איז אַזוי מיט טויזנטער אַנדערע דעטאַלן פונעם לעבן. **יעצט ביזטו שוין מסודר און ביזט פאַרנומען מיט דיינע ביזנעס, יישׁ"כ, אָבער דו וואָלסט זיך קיינמאָל נישט געקענט שטעלן אויף די פיס ווען נישט די אַלע מענטשן וואָס האָבן דיך געהאָלפן.**

דאָס איז גאָרנישט אַנדערש ווי איינער וואָס וואוינט אין יענעמס דירה, און ווען יענער בעט אים אַ טובה קווענקלט ער... מיר אַלע וואָלטן נישט געקענט שטיין אויף דער פיס, אָן די אַלע מענטשן וואָס האָבן געטון פאַר אונז. ווען מיר וואָלטן נישט געהאַט איינס פון די אַלע זאַכן, וואָלטן מיר געווען אַ דורכפאַל. מיר נוצן נאָך עד היום הזה די אַלע זאַכן, און דעריבער ליגט אויף אונז אַ פליכט פון הכרת הטוב!

> "ער איז נישט אַרויס פון זיין וועג צו אויסדרוקן 'הכרת הטוב' און דער רבוש"ע דארף אים נאך זאגן אַ יישׁ"כ אַז ער האָט געדאַוונט אַביסל ערליכער...